# א גוטן טאג

## דינער בולעטין

דאס בעסטע פאר מיינע קינדער - א טאג אין חדר

## לקראת דעם מעמד הנהדר 'כי לך היום'

מוצש"ק ויצא הבעל"ט

גליון א' · פרשת תולדות תשפ"ו

# תושבי קרייתינו המעטירה אין שוואונג אײַנצוהאנדלען 'גוטע טעג' - טעג פון גוטס פאר זיך אין די קינדער

### צענדליגע תומכים נכבדים אנטקעגן געקומען עסקני המוסד אפצוקויפן א טאג אין חדר און געניסן פון די הצלחה און שמירה עליונה בזכות מרן רביה"ק מייסד המוסד זי"ע

מיט א ערוואַרטונג ווערט אויפגענומען די יערליכע קאמפיין לטובת דער מבצר התורה והחינוך בקרייתינו הק', ת"ת בית יודא ד'טאהש, דער פעסטונג וואס געבט ארויס אזעלכע גאלדענע פירות, אונזערע אייגענע אוצרות בנינו ודורותינו, וואס ווערן דארט ערצויגן אויף א זעלטן הויכע פארנעם, לתורה עבודה ויראת שמים, וואס באגייסטערט אלע עלטערן, און יעדער וואס זעט צו דעם הערליכן חינוך.

די הכרת הטוב אינאיינעם מיט דעם ברענענדיגן רצון צו ווערן א שותף נאמן מיט מרן רביה"ק זי"ע, דער גרויסער מייסד המוסד וואס האט דאס געליבט ווי זיין שווארץ אפל פון אויג, און כל ימיו געזארגט פאר 'זיינע קינדער' זיי זאלן וואקסן און שטייגן אויפ'ן דרך המסורה, וויאזוי ער האט מקבל געווען מאבותיו הק' נבג"מ. די הייליגע ירושה וואס ווערט נמשך בעוז ותעצומות דורך ממלא מקומו בקודש כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואס טראגט א חביבות יתירה פאר די תלמוד תורה, און איז כסדר פארמישט בעובי הקורה, צו זען די בליה און הצלחה מיד ולדורות.

אין צוגאב צו די וואונדערליכע סיפורים, וואס עס פארציילן תומכי התלמוד תורה, וויאזוי זיי האבן געזען ישועות נפלאות און הצלחה אין מערערע ענינים, נאכ'ן ווערן א שותף מיט מרן רביה"ק זי"ע, ווען דער רבי משמי מעל האט זיך געמיעט און משפיע געווען דברים נפלאים פאר די תומכים החשובים.

דאס אלעס ברענגט אן אויסטערלישע ווארעמקייט ביי תושבי קרייתינו הק', זיך אנצושליסן און איינהאנדלען דעם זכות השוה לכל נפש, "א גוטן טאג" וואס כשמו כן הוא, עס ברענגט באמת א גוטן טאג, סיי פאר די תלמידים וואס ווען אין דעם טאג נתחנך ווערן על התורה ועל העבודה, ווען זייערע מרביצי תורה קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש בהרחבת הדעת, אן די שווערע געלט פראגע, און סיי פאר'ן חשוב'ן קונה, וואס וועט געניסן פון א טאג מיט הצלחה און סייעתא דשמיא בכל הענינים, אין זכות פון די הייליגע תורת תשב"ר.

די טעג לויפן! טאג נאך טאג ווערט אויספארקויפט, יעדער בר דעת וואס זוכט דעם געוואלדיגן זכות ווארט נישט אויף קיין כיבודים, שטופט עס נישט אפ, נאר זאגט היו"ם אם בקולו תשמעו, היינט וועל איך מיר איינהאנדלען א טאג אין תלמוד תורה פאר מיר און מיינע דורות!













# א שפאציר
# אין חדר

*אין א צייט ווען הורי ותומכי התלמוד תורה, האנדלען זיך איין טעג אין חדר, איז געוויס א פאסיגע צייט צו זען במה דברים אמורים, כאפן א שפאציר אין חדר, און זען וואס דארט טוט זיך, און וויאזוי עס ווערט פארנוצט די געלט פון די חשוב'ע תומכים, וואס דאס ברענגט אויף.*

*אין תלמוד תורה באוויזן מיר צו כאפן די צוויי חשוב'ע סגני מנהלים, וואס זענען ממונה צוצוהעלפן די איבערגעגעבענע מנהלים שליט"א אין די טאג-טעגליכע פליכטן אין ת"ת.*

*מיר האבן נישט געקענט צופיל מאריך זיין, מען רעדט דאך פון זייער אן אנגעשטרענגטע עבודת הקודש וואס די געטרייע עוזרים לייגן אריין מיט אלע זייערע כוחות למען חינוך בנינו, אבער פארט, פשוט בלא כלום אי אפשר, האבן מיר באקומען קורצע אבער גאר תוכנ'דיגע ענטפערס אויף אונזערע שאלות.*

### א גוטן חשוב'ע כלי קודש, וואס קענט איר אונז זאגן אין קורצן, זייענדיג פון אינעווייניג אינעם מוסד, וואס איז ענקער בליק אויף אונזער תלמוד תורה?

סגן מנהל א׳: איך זע די תלמוד תורה אלס א פלאץ וואו יעדעס קינד עקסטער ווערט באהאנדלט ווי א דיאמאנט. יעדעס קינד ווערט אדורכגעטון בכובד ראש, אלעס וואס מען קען בעסער מאכן פאר אים, און מען פראבירט יעדע זאך וואס עס איז בכדי שיעשו צו טון, פאר יעדן קינד. ווער רעדט נאך אויב מאכט זיך סיי וועלכע פראבלעם, ווערט געטון אלעס אויף די וועלט צו מסדר זיין זאכן און אוועקשטעלן דאס קינד אויפ׳ן בעסטן פארנעם.

סגן מנהל ב׳: עס איז זייער א געשמאקע ווארעמע, חסיד׳ישע אטמאספער. איך האב שוין גערעדט צו אסאך וואס זענען אין מיין פאזיציע אין אנדערע מוסדות, און וויפיל איך ווייס איז נישט דא ערגעץ אנדערש נאך אזא גוטע לופט ווי דא.

עס איז קלענער ווי רוב גרעסערע מוסדות, מען קען איינער דעם צווייטן, דאס מאכט א צוזאמענארבעט און אחדות, אזוי ארום קען מען בעסער ארויסהעלפן די מלמדים און די תלמידים.

## מיטהאלטנדיג אביסל פונדערנאנט וויפיל כוחות די הנהלה רוחניות און גשמיות לייגן אריין, וואס קענט איר איבערגעבן פאר'ן ציבור איבער דעם?

סגן מנהל א': סיי די הנהלה רוחניות און סיי די הנהלה גשמיות זענען פארנומען יעדן איינציגן טאג צו איבערגיין אלע דעטאלן וואס מען דארף. יעדע זאך וואס א מלמד, א מנהל, אדער אפילו א מענעדזשער דארפן, ווערט דורכגעטון קלאר סיי בי די הנהלה גשמיות און סיי ביי די הנהלה רוחניות.

אין קורצן, מען האט אינזין יעדן מלמד, יעדן מנהל, און יעדעס קינד!

למשל, פאראיאר כ"ח סיון איז כ"ק אדמו"ר שליט"א געפארן אויף א גאר געהויבענע נסיעה צום עיר האבות טאהש, ווי פילע אנ"ש זענען מיטגעפארן מיטהאלטן די געהויבענע טעג. אזוויוי טייל מלמדים זענען אויך געפארן, האט מען מסדר געווען אז די עלטערע קלאסן זענען ארויסגעפארן אויף די בערג, און פארברענגט דעם טאג מיט א געהויבנקייט, און אויך זיך אביסל אויסגעלופטערט צו קענען ווייטער אנגיין מיט פרישקייט. די מנהלים שליט"א האבן אריינגעלייגט שווערע כוחות, צו פארזיכערן אז דער טאג גייט אריבער מיט הצלחה.

מיט די הנהלה גשמיות קומט מיר נישט אויס אזויפיל צו האנדלען אינעם טאג-טעגליכן. אבער איך געדענק יא יעצט פאר יו"ט, ווען מען האט געוואלט פארטיילטן מתנות פאר די מלמדים לאות הוקרה אויף זייער איבערגעגעבענע עבודת הקודש, און דער בודשעט איז געווען אביסל גרעסער ווי אייביג, האט די הנהלה גשמיות ניטאמאל געצעגערט, נאר תיכף געגעבן זייער פולע הסכמה דערויף "ווייל פאר די מלמדים קומט אלעס".

סגן מנהל ב': פאר די הנהלה רוחניות האבן מיר דא אונזער מנהל הר"ר ישעי' קרויס שליט"א. איך דארף נישט מאריך זיין, אבער דאס איז נישטא אין אנדערע פלעצער! איבער דעם האט ער אויך די מעלה אז ער איז אויך געווען א מלמד לאנגע יארן, און ער האט ארויס וואס א מלמד דארף געבן פאר קינדער; וואס די קינדער דארפן אנקומען אין יעדע כיתה; וואס א קינד קען דערהייבן; און וויאזוי מען קומט אן צום ציל.

דער מנהל שליט"א קען יעדע קינד עקסטער, און ער געבט זיך אפ מיט זיי אויף א אויסנאמליכן אופן. ער איז נישט ווי א "מענעדשער" וואס גייט בלויז ארום זיכער מאכן אז אלעס גייט אן, נאר ער ווייסט וואס עס טוט זיך, ער גייט נאך יעדע קינד, און מיט זיין עקספיריענס ווייסט ער אויך וויאזוי זיך אן עצה צו געבן אין יעדן פאל.

פון די צווייטע זייט פארשטייט ער אויך גוט די מלמדים, ווען זיי דארפן א אויער, א גוט ווארט, מען זאל אביסל ארויסהעלפן בזמן שמחה אדער פארקערט ח"ו, וואס דאס איז טאקע פון זיין אייגענע ערפארונג.

איבער די הנהלה גשמיות, ווייס איך נישט צופיל, עס קומט מיר נישט אויס צו זיין אין קאנטאקט, אבער פונקט האט מיר דער מנהל היינט געזאגט איבער א געוויסע נושא אז ער באוואונדערט ווי שיין די הנהלה האט זיך אפגעגעבן מיט דעם מיט אזא גרייטקייט.

## און יעצט מער פערזענליך. וועלכע חלק איז די שווערסטע ארבעט פון אייער עבודת הקודש?

סגן מנהל א': נישטא קיין שווערע... אלעס גייט מיט אזא געשמאק. עס הערשט דא זייער א גוטע אטמאספער, אז אלעס ווערט גרינג. עס איז זייער א גוטמוטיגע מצב צווישן די מנהלים און מלמדים, אפילו אויב עס מאכט זיך עפעס רעדט מען זיך דורך מיט א אפנקייט, אזוי אז עס איז נישט שווער.

סגן מנהל ב': היינט האב איך גראדע געהאט א פולע טאג, און די שווערסטע זאך וואס איך קען זען, איז ווען מען פרובירט צו העלפן א א קינד, אדער צופרידנשטעלן עלטערן, און שפעטער זעט מען אז עס איז למעשה געווען די נישט ריכטיגע מהלך. דאס איז זייער א שווערע געפיל.

## און צום ענדיגן, וואס איז אייער מעסעדזש פאר חשוב'ע עלטערן?

סגן מנהל א': רוב טאטעס ווייסן נישט וואס עס טוט זיך אין תלמוד תורה, וויפיל כוחות עס גייט אריין אין זייערע קינדער. יעדן איינציגן טאג איז מען פארנומען, סיי די מנהלים, סיי די מלמדים, און מען שטייט אויף יעדע דבר קטן ודבר גדול. אזוי אויך דארף מען וויסן איבער דעם אויסגערופענעם "חינוך מיוחד" אפטיילונג ביי אונז, וואס איז א שם דבר מיט'ן ארויסהעלפן יעדעס קינד און איז אויף גאר א הויכן ניווא.

ספעציעל איז דא אין די מוסדות א 'בשבילו' פראגראם, וואס איז געווידמעט פאר א יערליכע איבערזיכט אויף די קינדער, צו זען פון די נאנט די פארשריט אין עברי וואס עס איז געמאכט געווארן, און אויב עס פעלט זיך אויס סיי וועלכע ספעציעלע הילף.

די עלטערן דארפן נעמען צו קענטעניס, אז יעדע דאלער וואס קומט אריין, מאכט אז אייער קינד זאל שטייגן אין רוחניות בתורה ויראת שמים, וואס דאס איז די בעסטע אינוועסטמענט וואס איז נאר דא.

סגן מנהל ב': דער מוסד איז נישט קיין פעקטארי. עס איז נישט געמאכט ווייל דער טאטע דארף ברענגען פרנסה, ממילא טוט מען אים א טובה און מען "בעביסיט" זיינע קינדער. עס איז א בית חינוך, און אויב די טאטעס האלטן מיט, מען לעבט מיט די הצלחה פון די קינדער און זייער חינוך, ווערט אויטאמאטיש אסאך א שטעקקערע הצלחה. ווען מען דארף עפעס פאררעכטן, האט מען מיט ווער צו רעדן, און אלעס ארבעט געשמירטער.

## יישר כח פאר אייער טייערע צייט, און אסאך הצלחה אין די עבודת הקודש ווייטער!

# דער יאר
## אין קורצן



## חודש כסלו - חנוכה

**יקרות הזמן פראגראם:** גרויסארטיגע 'חנוכה מסיבה' ביי די עלטערע כיתות אין צוזאמענהאנג מיט די גרויסע מבצע 'יקרות הזמן' אויף וועלכע די קינדער האבן געארבעט אין די וואכן ארום חנוכה. ביים מסיבה האט אויפגעטראטן מיט א רייכע דרשה הרב משה יואל שפירא שליט"א, וועלכע האט באגייסטערט די קינדער.

**חלוקת מטבעות קודש:** במשך ימי החנוכה האבן די קינדער געהאט די זכיה צו מקבל זיין פני קדשו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, הערן די דברות קודש והדרכה, און באקומען די מטבעות קודש, ווי אויך די נייע איבערגעדרוקטע סידור 'עבודת הלוי', מיטן ציל אז יעדע אינגל זאל קענען דאווענען אין א 'טאהשע סידור', אזוי ווי רביה"ק זי"ע האט געוואלט.

**הערליכע חנוכה מסיבה פאר יונגערע כיתות:** הערליכע מסיבות חנוכה פאר די תלמידים פון די יונגערע כיתות באגלייט מיט רייכע פראגראמען. וואו עס זענען געהערט געווארן דרשות פון דער חשוב'ער מנהל הרב ר' ישעי' קרויס שליט"א, און הר"ר בערל קליין הי"ו. ווי אויך א עקסטערע מסיבה פאר כיתות פון נורסערי, קינדערגארטן און כיתה א'.

## חודש טבת

**סיום סדר בראשית און חלוקת תעודות אין כיתה מכינה:** נאך די גרויסע חזרה אויף די לימודים פון 'שיעור פשוט', און די בחינה דערויף איז פארטיילט געווארן שיינע תעודות פאר אלע נבחנים. גלייכצייטיג, האט מען פארענדיגט גאנץ סדר בראשית וואס איז פארגעלערנט געווארן דורכ'ן מנהל הרב ר' לייבוש מערמעלשטיין שליט"א, די בחורים וואס האבן מיטגעהאלטן האבן באקומען א שיינע תעודה.

**מעמד התחלת תורה שבעל פה:** זונטאג פרשת שמות איז פארגעקומען דעם מעמד 'התחלת הלימוד', בהשתתפות די טאטעס פון די קינדער. ביים מעמד האט מען געהערט א דרשה פונעם מנהל הרב ר' ישעי' קרויס שליט"א איבער די הייליגע







*א פולע יאר איז פארביי, זינט די הונדערטער תומכי התלמוד תורה האבן געשלאסן דעם גאלדענעם געשעפט און ווערדפולן אינוועסטמענט, א שותפות מיט רביה"ק זי"ע, צו שטיצן זיין הייליגע תלמוד תורה און לעבטיגע קינדערלעך זרע ברך ה'. איז נישט מער ווי פאסיג צו געבן א בליק אריין פון צווישן שפאלטענעס, און זיך באקענען מיט וואס עס האט זיך אלץ אפגעשפילט ביני עמודי דגירסא צווישן די חדר ווענט.*

*ניין, עס איז נישט גרינג צו אדורכגיין א גאנצע יאר אין קורצן, אבער אסאך שווערער איז פאר די געטרייע הנהלה אדורכצוגיין דעם יאר, דורכשוויצן דעם בודזשעט מדי חודש בחדשו, צו צושטאנד ברענגען דאס שענסטע און בעסטע פאר אונזערע צאן קדשים, די טייערע תשב"ר וואס זענען יעדן טאג נהנה און שטייגן ברוחניות ובגשמיות צווישן זיינע ווענט.*

*נו, נעמט א גלעזל, מאכט אייך גרייט, מיר מישן צוריק דעם קאלענדער מיט א פולן יאר, ביז פארגאנגענעם חודש כסלו תשפ"ה העעל"ט, ווען מיר האבן געשלאסן דעם געלונגענעם געשעפט:*

תנאים וואס מען גייט לערנען זייערע ווערטער. און דערנאך געזינגען ווארימע ניגונים.

## חודש שבט

**בין פרשה לפרשה:** א גרויסע קוואנטום פון שפאגל-נייע געימס און שפילערייען איז איינגעקויפט געווארן פאר די קינדער, זיך צו באשעפטיגן דורכאויס די צייט פון מיטאג הפסקה, אנצושעפן פרישע כוחות אויף די ווייטערדיגע לימודים.

**יערליכע אסיפת הורים:** זונטאג פרשת וארא איז פארגעקומען די יערליכע 'אסיפת הורים', געבנדיג די געלעגנהייט פאר די עלטערן זיך דורכצורעדן מיט די מנהלים ומלמדים איבער די פארשריט פון די טייערע תלמידים.

**חבורת ושננתם אין מכינה לישיבה:** בשעה טובה האט זיך געעפנט די גאר מוצלח'דיגע חבורת "ושננתם", צוזאמצונעמען די לימודים פון שיעור פשוט, און זיך פארהערן אויף אויסעווייניג.

## ימי השובבי"ם

**שובבי"ם פראגראם אין כיתה ז' און ח':** גאר אן ערנסטע און הייליגע אטמאספער האט געהערשט די וואכן פונעם תלמוד תורה, מיט די דרשות פון די מלמדים איבער די קדושת הימים, ווי אויך א ספעציעלע 'שעות רצופות' פראגראם פאר די תלמידים פון כיתות ז' און ח', צו לערנען סיי דורכאויס די צייט אין תלמוד תורה, און סיי דורכאויס די אייגענע צייטן. ביי די ענדע פון די שובבי"ם וואכן, זענען די תלמידים שיין באלוינט געווארן מיט ווערדפולע מתן שכרה בצידה.

**שובבי"ם אין מכינה לישיבה:** א ספעציעלע פראגראם איז אנגעגאנגען אין לויף פון די שובבי"ם וואכן, צו לערנען זעקס-און-צוואנציג שעה א וואך ברציפות אינערהאלב די לימודי הישיבה, אלס מתן שכרה בצידה האט מען באקומען א גאר ווערדפולע חפץ דקדושה געבענטשט דורך ידיו הטהורות של כ"ק מרן רביה"ק זי"ע.












ניין, עס איז נישט גרינג צו אדורכגיין א גאנצע יאר אין קורצן, אבער אסאך שווערער איז פאר די געטרייע הנהלה אדורכצוגיין דעם יאר, דורכשוויצן דעם בודזשעט מדי חודש בחדשו, צו צושטאנד ברענגען דאס שענסטע און בעסטע פאר אונזערע צאן קדשים, די טייערע תשב"ר וואס זענען יעדן טאג נהנה און שטייגן ברוחניות ובגשמיות צווישן זיינע ווענט.

**השכמת הבוקר פראגראמען דורך תלמידי ז' און ח':** דורכאויס די ימי השובבי"ם זענען פארגעקומען צוויי אזעלכע 'השכמות'. פרייטאג פרשת בשלח, ווען מען האט געזאגט תהלים ביים ציון הקדוש פון מרן רביה"ק זי"ע. און א וואך דערויף, ליל שישי פארטאגס פרשת יתרו, אנגעהויבן 6:30 באשמורת הבוקר, ווי מען האט געלערנט ברציפות איינס און א האלב שעה.

**איבערראשנדע באזוך דורך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א:** אין לויף פון די צווייטע השכמה, זענען די תלמידים אינאיינעם מיט די מלמדים געכאפט געווארן אין איבערראשונג, ווען אין ברען פון די סדר הלימוד, איז מיטאמאל ערשינען אינעם היכל כ"ק מרן רבינו שליט"א אויף אן אומפאראויס געמאלדענע באזוך. דער רבי שליט"א האט זיך אומגעקוקט אויף די תלמידים, שעפנדיג א געוואלדיגע הנאה ותענוג דקדושה.

## חודש אדר

**מסיבת הכרת הטוב פאר די מלמדים:** מוצאי שבת שקלים איז פארגעקומען אן הערליכע מלוה מלכה פאר די חשוב'ע מלמדים פון די יונגערע כיתות בהנהלת הרב ר' ישעי' קרויס שליט"א, מיט שטארקע דברי חיזוק והדרכה.

**נשמתי' פראגראם:** וויכטיגע פראגראם 'נשמתי', פאר די יונגערע קינדער איבער די וויכטיגע יסודות אין אידישקייט צו גיין שלאפן און אויפשטיין ווי א איד. די קינדער האבן אויסגעפירט די הנהגות מיט א מורא'דיגע ערנסטקייט.

**משנכנס אדר מרבין בשמחה:** אנגעהויבן פון ראש חודש, האט זיך שוין געשפירט די לעבעדיגע פורים אטמאספער צווישן די ווענט פונעם תלמוד תורה, מיט פרייליכע פורים מסיבות פאר די תלמידים פון אלע כיתות, באגלייט מיט דרשות פון די חשוב'ע מלמדים און מנהל. ראש חודש איז פארגעקומען א פרייליכע דעבאטע צווישן צוויי פורים רבנים פראבירנדיג צו באקומען די רבי'סטעווע און פראווענען די הכתרה.

**דרשות הכנה לפורים:** אין בעפארברייטונג צום הייליגן יום טוב פורים זענען פארגעקומען דרשות הכנה צוטיילט לויט די יארגענג, פאר די עלטערע כיתות פון ו' ביז ח', און א באזונדערע דרשה פאר די כיתות ד' און ה'. עקסטער איז געווען צוויי פייערדיגע דרשות אין כיתה מכינה לישיבה.

**הכשרים פראיעקט:** אלס הכנה צום יום טוב פורים ווען די קינדער באקומען פארשידענע נאש און עסן נישט פון די אייגענע הויז, איז פארגעשטעלט געווארן פאר די תלמידים א גרויסע פראיעקט איבער די וויכטיגקייט פון כשרות המאכלים.

## יו"ט פורים

**פורים פראגראם:** ווי יאר יערליך, איז פארגעקומען א לעבעדיגע פורים פראגראם, מיט א פורים רב פון כיתה ח', און נאך פורים רבנים פון כתה ו' און ז', דער פראגראם איז אנגעגאנגען מיט א מורא'דיגע אחדות און שמחה, באהבה ואחוה שלום וריעות.



# חודש ניסן

**נייע נורסערי כיתה געעפנט:** אנפאנג חודש ניסן איז געעפנט געווארן א פרישע נורסערי כיתה מיט צוועלף זיסע קינדערלעך.

**הכנה ליו"ט פסח אין די ת"ת:** אסאך ארבעט איז אריין אין די הגדות, סימנים און מה נשתנה, ביי יעדע כיתה לויט זייער דרגא, צו צוגרייטן די קינדער צום הייליגן יו"ט.

**דרשת הכנה לפסח:** עס איז פארגעקומען א דרשת הכנה אין מכינה לישיבה דורך דער לאנגיעריגער מחנך נפלא, הרב פנחס ראזענבערג שליט"א פון לאנדאן וועלכע האט געווייזלט אין שטעטל צוליב א משפחה שמחה. אויך די תלמידים פון כיתות ד' און ה' האבן מיטגעהאלטן א דרשה נפלאה פון הרה"ג ר' יצחק נייהויזער שליט"א ר"מ בישיבתינו הק'. פאר די עלטערע כיתות, ו' און ח', האט אויפגעטראטן הרה"ג ר' חיים קרויס שליט"א ר"מ בישיבתינו הק'.

**ערשטע הכנות צו בויען נייע בנין הת"ת:** נאך די שטויגנענדע בליה און וואוקס פון תלמידים כ"י, איז די הנהלת התלמוד תורה אריינגעשפרינגען אין דעם מולטי-מיליאן דאלער'דיגע פראיעקט פון אהערשטעלן א נייע פראכטפולע בנין התלמוד תורה. מיטוואך ויקרא איז אראפגעקומען א ספעציעלע פירמע צו אויספרובירן די ערד פון די גרויסע שטח, אויך איז פארענדיגט געווארן די ערשטע ווערסיע פון די בלו-פרינט פאר דעם אינעווייניגסטן אויסשטעל פונעם בנין.

חלוקה דרבנ"ן: א הערליכע חלוקת קמחא דפסחא פאר די מלמדים ומרביצי תורה, אלס צייכן פון הכרת הטוב און שעצונג פון די הנהלת התלמוד תורה.

**'דע את אלקי אביך' פראגראם:** א וויכטיגע אינטערסאנט פראגראם איז פארגעקומען פאר די תלמידים, אין וועלכע די קינדער האבן געלערנט אלעס איבער מסורה און מנהגים. צום יום טוב פסח איז דער פראגראם געקומען צום הויכפונקט, ווען יעדער תלמיד האט באקומען א שיינע קונטרס ווי צו פארצייכענען די מסורות און מנהגים, פון די עלטערן און די מנהגי קודש פון רביה"ק זי"ע. אזוי אויך איז יעדן טאג האט די מנהל שליט"א גערעדט עטליכע מינוט מיט די נושאים וואס וועט באארבעט ווערן יענע וואך, און מען האט באקומען א צעטל פון די היינטיגע נושא.

**סיום הפרק אין כיתה ג':** מיט גרויס שמחה האט מען מסיים געווען גאנץ פרק ג' פון מסכת סוכה. די גרויסארטיגע 'סיום' מסיבה איז אפגעהאלטן געווארן נאך יום טוב, כדי די עלטערן שיחי' זאלן קענען מיטהאלטן דעם סיום.

# חודש אייר

**צייטווייליגע כיתות אהערגעשטעלט אין בנין התלמוד תורה:** צוליב די גאר שווערע געדרענג וואס הערשט בליעה"ר איגרהאלב די תלמוד תורה וועגט, האט מען בלית ברירה געמוזט אנהייבן בויען כיתות אין דעם היכל הבית המדרש.

**'הכנה לשבת' פראגראם:** פון אנהייב זומער זמן איז פארגעקומען יעדע וואך גאר אן אייגנארטיגע און געשמאקע פראגראם פאר די קינדער פון כיתות ד' און ה', געצילט אנצוגרייטן די קינדער צום הייליגן שבת קודש.

**התחלת תהילים אין כיתה א':** אין גאר א באדייטנדע מאמענט פאר די תלמידים פון כתה א', האט מען אנגעהויבן צו זאגן די הייליגע קאפיטלעך פון תהילים יעדן טאג, אויסצולערנען מתפלל צו זיין און זיך אויסגיסן דאס הארץ ביים תהילימ'ל, ווי עס האט אונז געלערנט מרן רביה"ק זי"ע.

**געהויבענער ל"ג בעומר אין ת"ת:** מיט גרויס דערהויבנקייט האבן די תלמידי התלמוד תורה אפגעראכטן דעם הייליגן טאג פון ל"ג בעומר, טראץ וואס עס איז אויסגעפאלן אויף אן ערש"ק וואס האט געגעבן ווייניגער צייט דערצו. דער הויכפונקט איז געווען, די גרויסע מעמד הדלקה אינעם חצר התלמוד תורה, ווי די קינדער אינאיינעם מיט די מלמדים האבן זיך משמח געווען בהילולא דבר יוחאי.

# חודש סיון

**התרגשות'דיגער חומש סעודה:** דער געהויבענער מעמד חומש סעודה איז פארגעקומען בראשות כ"ק אדמו"ר שליט"א. מיט די באטייליגונג פון די חשוב'ע עלטערן און זיידעס. באזונדער



איז פארגעקומען נאך שבועות א גרויסע מסיבה עקסטער בלויז פאר די חתני המקרא, ווי זיי האבן זיך אינאיינעם געפרייעט בשמחת התורה.

**יערליכע אויספלוג:** אין די וואך נאך שבועות איז פארגעקומען די יערליכע אויספלוג פאר די יונגערע כיתות. צוערשט איז פארגעקומען די אויספלוג פאר די כיתות פון נורסערי, קינדערגארטן און כיתה א', ווי מען איז ארומגעפארן איבערן שטעטל מיט א 'פערד און וואגן'. אויך פאר די כיתות ב' און ג' איז ספעציעל ארויסגעדינגען געווארן א אינטערסאנטע פלאץ, וואו די קינדער האבן געשמאק פארברענגט און הנאה געהאט.

פאר די כיתות פון ד' און ה' איז געווען א שיינע טריפ צו א גרויסע זאא, צו זען די נפלאות הבורא. ווידער די עלטערע כיתות פון ו' ז' און ח' זענען ארויסגעפארן צו א פארק מיט אינטערסאנטע ריידס.

**יומא דהילולא קדישא של רבינו השרף זי"ע:** ביומא דהילולא קדישא פונעם שרף זי"ע, איז געפראוועט געווארן א גרויסע מעמד לחיים פאר די כיתות פון ו'-ז'-ח', ווי עס האט אויפגעטראטן הרב מרדכי יודא פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע ונכד בעל ההילולא זי"ע, אויך איז פארטיילט געווארן פאר אלע קינדער 'לקח' א ברכה צו מאכן. ביי די יונגערע קלאסן איז געפראוועט געווארן די יארצייט, יעדע כיתה לויט זייער דרגה, איבערגעבנדיג די קדושה און מסורה פונעם הייליגן שרף זי"ע.

**אויספלוג:** אין די צייט וואס רבינו שליט"א האט געוויילט אויף די נסיעה למקומות הקדושים אין אייראפע, זענען די קינדער ארויסגעפארן צו א הערליכע קאנטרי פאר אן אויספלוג, וואס האט ארייגענומען א ספעציעלע סדר פון לימוד התורה ברציפות.

**פייערדיגע דרשה איבער חזרת הלימודים:** מיטוואך פרשת שלח איז אראפגעברענגט געווארן פון ניו יארק דער גאסט רעדנער הרב ר' ראובן זאבעל שליט"א מנהל מפעל קובץ על יד, ער האט אויפגעטרעטן מיט א שטורמישע דרשה פון גאנצע דריי שעה, אויסשליסליך פאר די בחורים פון מכינה לישיבה, וואו ער האט אויפגעפלאקערט די הערצער איבער די חשיבות און וויכטיגקייט פון חזר'ן דאס לערנען און געדענקען. די דרשה האט געברענגט גוואלדיגע רעזולטאטן ב"ה.

צוויי וואכן אין קעמפ: צוויי ספעציעלע וואכן פון שעות של קורת רוח איז אריבער אויף די חשוב'ע תלמידים נאכ'ן וויילן פאר צוויי וואכן אין מחנה ים התלמוד, וואו מען האט אויסגענוצט יעדע מינוט צו די מאקסימום, סיי מיט'ן לערנען און חזר'ן אונטער די געשמאקע אפמאספערע, ווי אויך בגשמיות מיט אלע געברויכן צוגעשטעלט.

## חודש תמוז

**זומער טריפ אין כיתה מכינה לישיבה:** נאך א לענגערע צייט וואס די בחורים האבן זיך שטארק אויסגעצייכנט מיט התמדת הלימודים, זענען די בחורים געפארן אויף א שיינעם טריפ אויף אן איידעלן פארנעם, ווי עס פאסט פאר טאהש'ע בחורים וואס לערנען פלייסיג. די בחורים האבן געשמאק פארברענגט אונטער די אויפזיכט פון די חשוב'ע מגידי שיעור הרב ר' משה מאיראוויטש שליט"א און הרב ר' ישעי' דוד גראס שליט"א.

**העכסט געלונגענע טישן און בענק קאמפיין:** גאר א שטארקער אפרוף האט זיך דערקענט צווישן תושבי קרייתינו והורי המוסדות, צום "טישן און בענק" קאמפיין, און די 42 טישן זענען אויספארקויפט געווארן ביז געציילטע וואכן דורך די חשוב'ע נדבנים וואס האבן פארשטאנען דעם נחיצות הענין.

**געהויבענע יארצייט פון אור החייק הק' ט"ו תמוז:** דאנערשטאג פרשת בלק, ערב די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן אור החיים הק', וועמענס נאמען דער הייליגער רבי האט באשטימט פאר די קהילה און ישיבה, האבן די בחורים פון מכינה לישיבה געדאוונט מנחה במקום קודש הקדשים, דעם רבי'נס בית המדרש בביתו נאוה קודש. פאר מנחה האט מען געהערט ווארימע דברי הכנה און וואונדערליכע מעשיות וואס האבן זיך אפגעשפילט אין דעם בית המדרש, פונעם מגיד השיעור הרב ר' משה מאיראוויטש שליט"א. נאכ'ן דאווענען האט מען געהערט א לענגערע שיחת הדרכה פון מרן רבינו שליט"א.

## חודש אב

**רייכע דרשת חיזוק פאר מלמדים דורך הגה"צ רבי מאיר צוויבל שליט"א:** מיטוואך דברים איז פארגעקומען א ספעציעלע



# פונעם מנהל'ס טישל

**מעסעדזשעס און געדאנקען פונעם מנהל'ס פערספעקטיוו פאר די חשוב'ע עלטערן**

## הר"ר ישע' סג"ל קרויס שליט"א

מנהל רוחני

## וויאזוי קאמיוניקירט מען מיטן מלמד;

יעדע מלמד קוקט ארויס אויף א צוזאמענארבייט מיט די עלטערן, דאס איז די וויכטיגסטע שליסל אויסצושלייפן דעם בריליאנט, וויבאלד סוף כל סוף זענען די מלמדים בלויז שותפים מיט אייך חשוב'ע עלטערן. און דאס נעמט אריין אויףביידע וועגן, סיי אויב דאס קינד איז גוט און סיי ווען ער איז נאך בעסער... אבער מען דארף וויסן עטליכע פונקטן איבער די מהלך וויאזוי צו אויסשמועסן און קאמיוניקירן מיטן מלמד:

**א.** דער מלמד ארבייט גאר שווער פון אסרו חג סוכות ביז ערב פסח, און ווייטער פון אסרו חג פסח ביז ערב סוכות. אין די זעלבע צייט איז ער פארנומען מיט זיין משפחה. דעריבער שטעל נישט אפ דעם מלמד אין ביהמ"ד דאס נעמט אוועק זיין רואיגקייט און ביסל צייט וואס ער האט יא. נאר די בעסטע איז אויב מען קען אנרופן אין תלמוד תורה אדער צום מלמד אהיים, און פרעגן ווען מען קען רעדן צום מלמד. - אויב רופט מען אינדערהיים שאדט נישט קיין קאמפלימענט. גיבט איבער די נאמען ווער עס רעדט, מיט א נומער וואו צוריק צו רופן, כדי דער מלמד זאל אייך קענען רופן מיט ישוב הדעת.

**ב.** ווען איר פילט אויס די שבת צעטיל, לייג צו אווארט, 'טוב מאוד' אדער 'מצוין', און שרייבט נישט נאר א טשעק ביי יעדע שאלה. אויב קען מען צושרייבן א געוויסע זאך וואס איז געווען ספעציעל איז דאס א שטארקע חיזוק און בוסט פארן מלמד אנצוהייבן די נייע וואך מיט א פרישקייט, וויסנדיג אז די עלטערן קוקן ארויף די ארבייט.

**ג.** ווען איר שרייבט א 'שפעט צעטל' אדער סיי וועלכע צעטל פארן קינד וואס האט א מעסעדזש פאר'ן מלמד, רייס נישט אפ א שטיקל פון א פאפיר און שרייב ארויף שנעל, נאר נעם א נארמאלע פאפיר און שרייב קלאר, עס איז א פיצקעלע דעטאל וואס מאכט אויס א געוואלד, ארויסווייזנדיג אז מען איז מחשיב די מלמד, און מען שפירט פאר וויכטיג צו מאכן אזא צעטל.







> **יעדע מלמד קוקט ארויס אויף א צוזאמענארבייט מיט די עלטערן, דאס איז די וויכטיגסטע שליסל אויסצושלייפן דעם בריליאנט,**

דרשת חיזוק פאר די איבערגעגעבענע מלמדי תשב"ר, דורך הגה"צ רבי מאיר צוויבעל שליט"א בעל נר המאיר, מיט געוואלדיגע דברי חיזוק פאר די מלמדים אנצוגיין מיט די עבודת הקודש.

**נייע פאראלעל כיתה פאר נורסערי:** נאך א פאראלעל כיתה איז געעפנט געווארן פאר דעם יארגאנג פון נורסערי, נאך וואס דער מספר התלמידים שטייגט כסדר בליעה"ר וכו'. די נייע כיתה פלאצירט געווארן אין א צייטווייליגן קלאס צוגעבויעט אינעם היכל הבית המדרש פון די עלטערע כיתות.

**סיום לימוד האלף בית אין קינדערגארטן:** פרשת עקב איז פארגעקומען דער פרייליכער סיום אויף די א"ב, נאכדעם וואס די קינדער האבן קונה געווען די יסודות פון לערנען תורה, מיט'ן פארענדיגן לערנען די הייליגע אותיות.

**'עבודת הלב' פראגראם הכנה דרבה צום יומא דהילולא פון מרן רביה"ק זי"ע:** חודש אב איז געווארן איינגעפעדעמט א נייע פראגראם "עבודת הלב" צו שטארקן די כח התפילה אין תלמוד תורה, אלס הכנה רבה צום יארצייט פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע, וואס האט אזויפיל כוחות אריינגעלייגט אין תפילה.

## חודש אלול

**ראש חודש אלול בראשות מרן רבינו שליט"א:** צום שלוס פונעם 'עבודת הלב' פראגראם, וואס איז אנגעגאנגען במשך חודש אב ביז די יארצייט פון רביה"ק זי"ע, האט מען געהאט די זכיה אז מרן רבינו שליט"א איז געקומען דאווענען מיט די קינדער ביום ראש חודש אלול, נאכ'ן דאווענען האט דער רבי פארטיילט א הערליכע ספר וואס ענטהאלט א ליקוט מדברי תורתו פון רביה"ק בעניני תפילה ארויסגענומען פון ספה"ק עבודת עבודה, אזוי אויך הליכות הלוי מיט מנהגי קודש פון רביה"ק זי"ע ביים דאווענען. ביים לחיים האט רבינו שליט"א ארומגערעדט איבער די עבודת התפילה, און איבער די זכיה פון זיין א תלמיד פון די הייליגע תלמוד תורה וואס דער הייליגער רבי האט מייסד געווען.

**סיום הזמן:** צום שלוס פון אזא מוצלח'דיגע יאר איז געפראוועט געווארן דעם 'ברינה יקצורו' מיט א גאר רייכע סדר סיום הזמן. מען האט זיך ארויסגעלאזט קיין מאנטריאל צום ביהמ"ד פון רביה"ק זי"ע, 'אהל אלימלך' ד'טאהש, וואו מען האט זיך געשטעלט צום פארהער ביי הגה"צ רבי יוחנן וואזנער שליט"א ראב"ד סקווירא, וואס איז ארויס פון התפעלות פון די געוואלדיגע קלארע תירוצים וואס איז געענטפערט געווארן. נאך מנחה איז מען אריבער צום בית השחיטה וואו מען האט פון די נאנט מיטגעהאלטן די גאנצע פראצעדור פון מאכן כשר די בהמה פלייש. דערנאך איז מען צוריקגעפארן אין קרייתינו הק' און מען האט אפגעראכטן די סעודה לכבודה של תורה ומסיבת פרידה, דער מנהל האט אויפגעטראטן מיט פאסיגע ווערטער צום געזעגענען פון אזא געהויבענע פולע יאר, באגלייט מיט די ריכטיגע הדרכות אויף ווייטער. אזוי אויך איז מען געטאנצן אינאיינעם בשמחת התורה, ווען דער מנהל האט געטאנצן מיט יעדעם באזונדער. און די בחורים זענען אהיים מיט אנגעפילטע באגאזשן נאך אזא יאר, באקומענדיג דערצו א טייערע מתנה לאות הוקרה.

## חודש חשון תשפ"ו

**נייע יאר:** די קינדער הייבן אן די נייע יאר, אבער דאס הייבט זיך נישט אן פון יעצט, אין די אפיסעס פון די מנהלים ארבעט מען שוין וואכן לאנג אויסצושטעלן די כיתות, און שאפן פרישע מלמדים צום נייעם יאר.

**דרשת פתיחה:** צום ערשטן טאג פון אנהייב יאר ווערט צוגעשטעלט א ספעציעלע סדר, ווען יעדע צוואנציג מינוט איז די רייע פון איין כתה צו הערן א שיינע דרשה מיט וויכטיגע יסודות פאר די נייע יאר, יעדער לויט זייער דרגה, און פון דארט גייט מען אריין צום נייעם כתה.








בסייעתא דשמיא
יעדער ג׳יט ארויס מיט ריוח!
א געשעפט וואס לוינט זיך פון אלע זייטן
תומכים דערציילן;
אפענע ישועות און הצלחה בזכות החזקת התורה
מנהלים באוואונדערן;
סוקסעס אין תלמוד תורה מיט די ריכטיגע הרחבת הדעת
מרביצי תורה דאנקען;
באקומענדיג זייער תמיכה צייטליך
קינדערלעך געניסן;
רוחניות און גשמיות אויפ'ן העכסטן סטאנדארט
תלמוד תורה
בית יהדא ד'טאהש
א גוטן טאג
דינער השנתי
מוצש"ק ויצא תשפ"ו
א גוטע וואך
$2,400
א גוטן טאג
$1,200
בני תורה ולומדי הכולל
$900
א גוטן טאג תומכ'ים - עס ווארט אייך א גאלדן געשעפט!
ס'מיינס, איך זארג דערפאר...
מיין תלמוד תורה, וואו מיינע קינדער לערנען, דאס איז די ערשטע און וויכטיגסטע.
כ'וועל טוען אלעס אין די זייט וועלן האבן א גוטן טאג
א גוטן טאג
דינער השנתי
מוצש"ק ויצא תשפ"ו
א גוטע וואך
$2,400
א גוטן טאג
$1,200
בני תורה ולומדי הכולל
$900
א גוטן טאג קינדערלעך - איך וועל עס טוען פאר ענק
Campaign sponsored by;
ממלכת
JUDAICA ספרים
קרויס שטריימלעך
718-2KRAUSS
lüminus
Blainville
ACESS
PLUMBMEDIC
POWERTECH ELECTRIC
TREMP
DELMAR JEWELERS
Alpern Extermination
(514) 815-3656
RACINE CHAMBERLAND
TEAM SCHWARTZ
TOSH connect
AUTO plus B.W.
Serrurier mobile G.B.E
Mehadrin GPS
718-840-3477
Dr. David Benguira
Orthodontist
450-983-4233
Menczer Financial Group
Relish
Schon's Natural
גלאט
PROTECT FIRE
Indursky's PREMIUM
COMMUNITY LEASING


אייער געלט איז אנגעקומען צום ציל!
תלמוד תורה
בית יודא ד'טאהש
צוגעלייגט פילע נייע תוכנ'דיגע פראגראמען פאר די קינדער
אנגעגרייט ערשטע פאזעס פון פלענס און אפראוולס פאר דעם נייעם בנין
באוויזן אפצוצאלן ערנסטע חלק פון אלט-פארבליבענע חובות
געקויפט נייע טישן פאר פיר קלאסן // געקאסט $30,000
געקויפט א נייע גאר נוצבארע 'ספעיר באס' // געקאסט $30,000
באצאלט פעיראל צייטליך יעדע צווייטע וואך
געעפנט ערשטמאליג א דריטע פאראלעל קלאס פאר כיתה ב'
נייע פייער סעיפטי טירן אויפ'ן פארלאנג פון פייער דעפארטמענט // געקאסט $25,000
אדאנק די געטרייע השתתפות ביים פאראיעריגן דינער האט דער תלמוד תורה באקומען א פנים חדשות;
צוגעבויעט 2 נייע כיתות בהיכל ביהמ"ד // געקאסט $25,000 פער קלאס
באוויזן צו באצאלן די דראסטיש געהעכערטע עלעקטריק בילס
געעפנט ערשטמאליג א פערדע פאראלעל קלאס פאר נורסערי
א גוטן טאג
דינער השנתי
מוצש"ק ויצא תשפ"ו
אלעס אדאנק אייער מוצלח'דיגן טאג וואס איר האט געקויפט
מאכ'מיר דעם געשעפט נאכאמאל?
א גוטע וואך
$2,400
א גוטן טאג
$1,200
בני תורה ולומדי הכולל
$900